בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ניצבים

כ"ז אלול תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

הדה"נ 6:04

מוצש"ק 7:15

ר"ת 8:55

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

סוזק"ש א' 8:44 | סוז"ת א' 10:00

סוזק"ש ב' 9:27 | סוז"ת ב' 10:28

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"ב

שנה ג'

## טיב הפרשה

# די ריכטיגע וועג ווי אזוי מוכיח צו זיין א צווייטן איד

## אתם נצבים היום כולכם

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר ווי אזוי משה רבינו רעדט צו כלל ישראל איידער ער גייט זיך שיידן פון זיי אויף אייביג.

זיינע ווערטער הייבט משה רבינו אָן מיט'ן זאגן 'אתם נצבים היום כולכם' אז איר שטייט דא פאר מיר, אלע פון ענק גרויס און קליין, פון די וואסער טרעגער, ביז צו די האלץ העקער.

רש"י אויפ'ן ארט ברענגט אראפ א מדרש אגדה איבער די סמיכות צווישן די צוויי פרשה'ס, אז וועגן דעם האט משה רבינו מסמיך געווען דער 'אתם נצבים היום' צו די פרשה פון הר גריזים און הר עיבל, ווייל נאך דעם וואס כלל ישראל האט געהערט די הונדערט קללות ווייניגער צוויי, האבן זיי זיך דערשראקן און משה רבינו האט זיי געטרייסט אז זיי האבן זיך נישט וואס צו זארגן, און ער האט זיי ערמוטיגט.

מיר ציטירן דא די לשון פון רש"י: למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות, לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים, חוץ ממ"ט שבתורת כהנים, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום, הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כְּלָיָה והרי אתם קיימים לפניו.

די רש"י איז א שטארקער לימוד. מען זעט ווי אזוי א איד דארף מוכיח זיין א צווייטן, אז אויך ווען מען איז מוכיח א צווייטן און מען רעדט צו אים איבער עונשים, איבער וואס עס קען געשען צו א איד אויב ער גייט נישט אין די ריכטיגע וועג, דארף ער וויסן אז זייטיג צו די דברי תוכחה דארף מען אויך געבן דברי נחמה, ווייל די תוכחה דערשרעקט און עס קען צוברענגען צו ריחוק, און מען דארף מקרב זיין דעם איד.

די בחינה טרעפט מען אויך אין אנדערע ערטער. אין די פרשה

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה

עס קומט ערב פסח, יעדער איינער איז פארנומען מיטן רייניגן און אויסגלאנצן דעם הויז, און א געשמאקער ריח פון ריינקייט דערהייבט זיך אין די לופט. אין איינס פון די צימערן פון הויז שטייט די חשוב'ע אידענע אינמיטן די שווערע ארבעט און טראכט צו זיך – פונקט א יאר צוריק האב איך דאך אויך אזוי שווער געארבעט און זיך געפלאגט און זיך באמיט צו רייניגן און אויסגלאנצן דעם גאנצן הויז, און דא דארף מען פונדאסניי רייניגן און נאכאמאל אוועקנעמען די גאנצע שטויב, שמוץ און פארשמירטקייט, ווי גלייך מען האט דא קיינמאל פריער נישט ריין געמאכט!

נאר וואס דען? זי ווייסט גוט, די חשוב'ע אידענע, אז עס איז נישטא קיין אנדער ברירה, ווייל אויב וועט זי נישט רייניגן דאס הויז וויינינגסטנס איינמאל אין יאר, וועט דער הויז פול ווערן מיט שמוץ וואס עס וועט זיין שווער עס צו ריינמאכן.

מיר שטייען יעצט ביים אריינגאנג פון די יְמֵי הַסְּלִיחוֹת, און אויב וועט איר פרעגן: אויך פַאראַיאָר האבן מיר געזאגט 'סליחות' און מיר האבן צוגעזאגט אז מיר וועלן מער נישט דורכפאלן, און אט שטייען מיר דא, א יאר שפעטער, אינעם זעלבן פלאץ און אויפן זעלבן מצב, און מיר האבן זיך נאכנישט צוריקגעקערט פון אונזער טעות? נאר וויסן זאלסטו, אז די סליחות זענען רייניגונגס מאטעריאל פאר די נשמה, און אויב וועלן מיר נישט תשובה טון פון צייט צו צייט, וועט זיך אנקלויבן אסאך שמוץ אויף אונזער נשמה, וואס עס וועט זיין שווער עס צו רייניגן.

און ווירקליך, ווי גרויס איז דער כח פון די יעצטיגע טעג, וואס זענען פונקט אזוי ווי זייער נאמען, ימי סליחות, ווייל זיי זענען טעג וואס דער אויבערשטער וואס ער איז דער קעניג פון דער גאנצער וועלט, טוט מוחל זיין און פארגעבן פאר די עבירות פון אידישע קינדער יעדן יאר. און פארוואס טאקע ווערן זיי אנגערופן 'ימי סליחות' און נישט 'ימי סליחה'? וויבאלד די סליחות זענען פילע, ווייל דער מענטש זינדיגט און האט חרטה, און זינדיגט ווייטער און טוט תשובה, און דער אויבערשטער נעמט אן די תשובה און איז מוחל, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען 'ברוך אתה ד' חנון המרבה לסלוח'.

און וואס איז טאקע די תשובה איבער וועלכע מיר זאגן 'חנון המרבה לסלוח', ווייל מיר ווייסן דאך אז "הָאוֹמֵר אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תשובה", דאס מיינט אז ווער עס זאגט – איך וועל זינדיגן און איך וועל תשובה טון, איך וועל זינדיגן און איך וועל תשובה טון, געבט מען אים נישט די מעגליכקייט תשובה צו טון? ענטפערט אויף דעם דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה 'וּמַה הִיא הַתְּשׁוּבָה, הוּא שֶׁיַּעֲזֹב הַחוֹטֵא חֶטְאוֹ, יְסִירוֹ מִמַּחְשַׁבְתּוֹ וְיִגְמֹר בְּלִבּוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֵׂהוּ עוֹד וכו', וְכֵן יִתְנַחֵם עַל שֶׁעָבַר וכו', וְיָעִיד עָלָיו יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת שֶׁלֹּא יָשׁוּב לְזֶה הַחֵטְא לְעוֹלָם', דאס הייסט אז די ריכטיגע תשובה איז, אז דער זינדיגער זאל אפלאזן דעם זינד, און עס אוועקנעמען פון זיין געדאנק און באשליסן ביי זיך אין הארץ אז ער וועט עס מער נישט טון, אזוי אויך וועט ער חרטה האבן אויף דעם וואס ער האט עס געטון, און דער אויבערשטער וואס ער ווייסט אלע פארהוילענישן – וועט עדות זאגן אויף אים אז ער וועט זיך קיינמאל נישט צוריקקערן צו דעם זינד. ביז אהער פונעם הייליגן רמב"ם. און מיר זעען אין די גמרא, אז ווער עס איז מְקַדֵּשׁ א פרוי "עַל מְנָת שֶׁאֲנִי צַדִּיק", מיטן תְּנַאי אז ער איז א צדיק, איז אפילו אויב ער איז א רָשָׁע גָּמוּר, איז זי מְקֻדֶּשֶׁת – ווייל מיר זאגן, אז מעגליך האט ער מְהַרְהֵר בִּתְשׁוּבָה געווען. זעען מיר פון דעם, אז דער עיקר תשובה איז אינעם מחשבה פונעם מענטש. און דעריבער ווען מיר שטעלן זיך זאגן סליחות, דארפן מיר וויסן אז דער עיקר פון תשובה איז אינעם געדאנק, און עס איז נישט גענוג אז מען זאל עס ארויסזאגן מיט די ליפן, נאר די מויל און דאס הארץ דארפן זייןביידע גלייך, און מען זאל אינזינען האבן מיטן געדאנק דאס וואס מען זאגט ארויס מיטן מויל.

און אויב וועלן מיר אזוי טון, וועלן דאס זיין אמת'ע סליחות, וואס אויף זיי וועט געזאגט ווערן 'סָלַחְתִּי'.

(עפ"י טיב המועדים – אלול – ימי הסליחות)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פון תוכחה פון פרשת בחוקתי ווי עס ווערט אויסגערעכענט אלע שרעקעדיגע עונשים וואס וועט חלילה קומען אויף א איד, אויב ער וועט אפלאזן די וועגן פון הקב"ה, וואס ווען מען הערט עס כאפט עס א שרעק, טרעפט מען גלייך אריינגעמישט אין די ווערטער דברי נחמה, די תוה"ק זאגט גלייך 'וזכרתי את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור'.

אויך ווען מען לערנט איבער ווי אזוי הקב"ה האט געגעבן די תורה הק' פאר'ן כלל ישראל אויפ'ן בארג סיני איז ניכר די בחינה, ווי אזוי הקב"ה זאגט זיינע ווערטער און נעמט אין חשבון אז דער וואס הערט אויס די ווערטער דערשרעקט זיך און אז מען דארף אים טרייסטן, און ווידמעט אן עקסטערע שפראך פאר די מענער, און אן עקסטערע שפראך פאר די פרויען, פאר איינעם זאגט מען שטרענג, פאר'ן צווייטן זאגט מען ווייך.

די געדאנק חזר'ט זיך כסדר איבער אין די תורה הק', אבער דאס איז אויך נוגע פאר יעדן איד אין זיין וועלט און בעיקר פאר עלטערן וואס האלטן אינמיטן די עבודת החינוך פון זייערע קינדער, אדער ביי מלמדים וועלכע זענען מלמד קינדער אין די תלמוד תורה.

יעדער מחנך, אין זיין ראש, דארף צו געדענקען די נקודה, ער דארף צו וויסן אז עס איז נישט גענוג אז ער איז מוכיח דעם קינד, נאר ער דארף אויך אינאכט נעמען דער גאנצער ארום פון דאס קינד, זיינע געפילן, די פחדים וואס ער באקומט דורך די דברי תוכחה, און זיכערמאכן אז ער ווערט נישט נפגע פון זיין תוכחה, און זייטיג צו די תוכחה דארף ער אים געבן ווארעמקייט און קירבה, ער זאל בלייבן ערליך און אפגעהיטן.

מען דארף צו וויסן אז וויפיל שטראף רייד זענען ווידקזאם, האט אויך גוטע ווערטער א כח און מען קען קיינמאל נישט שאצן ווי גרויס און ווי שטארק עס איז דער כח פון א גוט ווארט.

עס איז דא אן איינגעווארצעלטע טעות ביי מענטשן אז נאר יונגע קינדער האבן ליב גוטע ווערטער. מען מיינט אז די עלטערע האבן נישט הנאה פון איר. דער אמת איז אבער אז ווען עס קומט צו גוטע ווערטער זענען ביידע איינעג און ביידע קענען עס איינעג נוצן.

איך האב אמאל געהערט א מורא'דיגער סיפור איבער דער הייליגער בעל מחבר ספר 'לשם שבו ואחלמה' וועלכער מען רופט אן מיט'ן קורצן נאמען דער בעל ה'לשם'.

מען רעדט פון א צדיק נשגב, א איד וואס איז געווען א גדול וגאון בתורה בנגלה ובנסתר, דערציילט מען אז אין די עלטערע יארן האט מען דערציילט פאר'ן לשם אז די נאנטע פון דער בן איש חי האבן דערציילט אז ווען דער בן איש חי האט דערהאלטן זיין ספר 'לשם שבו ואחלמה' האט זיך דער בן איש חי אנגעטון בגדי שבת זייענדיג אזוי בשמחה צו זען דער ספר, און זיך דערקוויקט מיט איר.

ווען דער לשם האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן אז ווען ער וואלט ווען דאס געהערט אין זיינע יונגע יארן וואלט ער געמאכט נאך א ספר, ווייל דער עצם ידיעה אז אזא גדול בישראל שעצט זיין ספר האט אים געגעבן כח און מוט אנצוגיין ווייטער און ווייטער.

דאס האט געזאגט דער גרויסער גאון דער בעל ה'לשם', און אויב ביי אזעלכע גדולי ישראל זאגט זיך אזעלכע זאכן, איז דאך קל וחומר אז ביי מיר שוואכע אידן איז אזוי, און זיכער איז אזוי ביי קליינע קינדער.

יעדע גוטע ווארט ביי א קינד שטארקט אים. עס געבט אים כח און מוט אנצוגיין ווייטער און ווייטער. עס מיינט נישט אז מען דארף נישט געבן מוסר רייד, אבער מען דארף קענען מעסטן ביידע און געדענקען צו געבן פון ביידע און עס באלאנסירן, און אזוי וועט דאס קינד וואקסן גוט.

עס איז ליידער א מציאות אז אסאך קינדער וואס זענען ליידער ארויס לתרבות רעה זענען מעיד אז אויב זיי וואלטן באקומען איין גוט ווארט - וואלטן זיי נישט געווארן פארפאלן.

די כח פון א גוט ווארט איז זייער שטארק. עס איז א כח וואס הקב"ה האט געגעבן פאר אונז, און מען דארף עס נוצן און עס איינפלאנצן אין די הערצער פון די יונגע קינדער.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל האבן די ריכטיגע באלאנס און קענען געבן גוטע ווערטער און בויען אידישע נשמות אז זיי זאלן גיין מעלה מעלה אין עבודת ה'.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער כח פון אקבל זיין אלעס לטובה!

איך בין א איד וואס רוב טאג בין איך עוסק על המחיה ועל הכלכלה. איך האב זיך מיינע שיעורים וואס כ'לערן צופרי, ביינאכט, אבער רוב טאג זיץ איך ביי די ארבעט.

עס איז דא איין שיעור וואס כ'וועל אין מיין לעבן נישט אויסלאזן, און דאס איז דער וועכענטליכער שיעור פון מורינו הרב שליט"א איבער די נושא פון השגחה פרטית און אמונה.

ביי דער שיעור רעדט מורינו הרב שליט"א איבער אמונה ובטחון און בלאזט אריין חיות אין אלעמען און אויך אין מיר צו קענען אנגיין מיט מיין לעבן און קוקן גוט אויף אלע געשעענישן איבער די וועלט, אויך ווען זאכן זעען נישט אויס אזוי גוט און אזוי גלאטיג און עס גייט נישט אין שפאן מיט מיינע רצונות.

די יסודות ברענגט מיר צו מיין געשיכטע, די געשעעניש מיט מיין קאר.

איין טאג בין איך אראפ אין די צופרי שעה'ן אונטן זיך גרייטנדיג צוגיין אין שול, איך האב א קאר און אזוי ווי די ווייטקייט צווישן מיין שטוב און די שול וואו איך בין געוואוינט צו דאווענען איז א שטיקל מרחק, וועל איך געווענליך גיין מיט מיין קאר אין שול אריין.

אויך היינט בין איך אראפ אונטן גרייט צו זוכן מיין קאר, אבער ואיננו, די קאר איז נישט דא.

"הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו", האב איך א זאג געגעבן.

איך האב געשאצט אז די קאר איז גע'גנב'ט געווארן, און זייענדיג געוואוינט צו הערן פון מורינו הרב שליט"א אז אלעס וואס עס געשעט אויף די וועלט איז לטובה, האב איך געדאנקט הקב"ה אויף די טובה גלייבנדיג אז אויך דאס איז לטובה.

אין שול בין איך געגאנגען צופוס, און אויפ'ן וועג אהיים האב איך געבעטן מיין חבר אז ער זאל מיר אהיימנעמען דערציילנדיג אז איך בין בארויבט געווארן, רויבער האבן גע'גנב'ט מיין קאר.

אזוי פארנדיג רופט זיך מיין חבר אן צו מיר, קוק ווי אוממענטשליך מענטשן פארקירן זייער קאר און ווייזט מיר אן אויף א קאר וועלכע איז ווי אראפגעווארפן אויפ'ן שאסיי.

איך געב א קוק און אומגלויבליך! עס איז מיין קאר.

ווארשיינליך האבן די גנבים נישט געהאט קיין עקסטערע נוצן פון איר, זיי האבן עס איבערגעלאזט אויפ'ן וועג.

איך בין אריין באקוקן די קאר, קיין סאך האט נישט געפעלט אין איר, אויסער קלייניגקייטן.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב געטראפן מיין קאר שפירנדיג אז די מציאה האט א דירעקטע שייכות מיט מיין חיזוק אין אמונה, אז טאקע וועגן דעם וואס איך האב זיך געשטארקט אין אמונה ובטחון און זיך נישט געלאזט פאלן און ווערן צובראכן נאר געלויבט הקב"ה פאר זיינע חסדים – האט ממשיך געווען די ישועה.

ווען איך האב קומענדיגע וואך ביי די שיעור דערציילט פאר מורינו הרב שליט"א די מעשה, האט ער מיר געהייסן מפרסם זיין די מעשה עס זאל זיין א לימוד פאר אנדערע אז אויב מען שטארקט זיך מיט אמונה איז מען זוכה צו זען ישועות.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה. ב.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

לכבוד דעם גרויסן יום הדין, און די פארכטיגע און הייליגע טעג וועלכע קלאפן אן אויף אונזער טיר, מיטן באנייאונג פונעם נייעם יאר הבאה עלינו לטובה.

קומען מיר דא מיט א קליינעם זאמלונג פון עִנְיָנָא דְּיוֹמָא, פונעם פליסנדן קוואל פון "טיב המעשיות" פון מורינו ורבינו שליט"א. אין באגלייטונג פון א שטארקע ברכה, מיט א תפילה פון טיפעניש פון הארץ, פאר א גוט געבענטשט יאר, פאר אים און פאר זיין הויזגעזינד וּלְכָל הַנִּלְוִים אֵלָיו, פאר די בְּנֵי הַחֲבוּרָה הַקְּדוֹשָׁה, **וּלְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל** – תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ, אָמֵן.

-›•‹-

עס האט מיר דערציילט הרה"צ המפורסם רבי שלום אייזן זצ"ל, רב און מו"ץ פה עיר הקודש ת"ו, דאס וואס עס האט אים דערציילט מרן הרב בענגיס זצ"ל, דער רב פון ירושלים עיר הקודש, איבער די געוואלדיגע אטמאספער פון פארכט און אֵימַת הַדִּין אין די הייליגע טעג וואס האט געהערשט אין די שטאט ווילנא (פון וואו הרב בענגיס האט געשטאַמט). – וואס יעדער האט געפילט און מיטגעהאלטן די הייליגע טעג און געפילט זייער פארכט, און נישט אומזיסט האט די שטאט ווילנא זוכה געווען צום באוואוסטן צונאמען: **"יְרוּשָׁלַיִם דְּלִיטָא"**...

אזוי ווי דער שטייגער איז געווען אין די פריערדיגע צייטן, האט די אידישע קהילה אין ווילנא אויסגעהאלטן א ספעציעלן "מגיד", א גאון און א צדיק, וועלכער פלעגט שטענדיג דרש'נען דרשות התעוררות, מעורר צו זיין די הערצער פונעם 'עולם' צו תשובה ותיקון המעשים. – איינס פון די מערסטע וואונדערליכע דרשות פונעם ווילנער מגיד מישרים, איז געווען אין צוגרייטונג צום גרויסן און פארכטיגן יום הדין פון ראש השנה. אט דער מעמד – האט הרב בענגיס דערציילט – איז געווען זייער ספעציעל. אלע מענטשן פון די שטאט, פון גרויס ביז קליין, זענען געקומען צו גיין אין די מאסן צום גרויסן און צענטראלן ווילנער שול, אנשים נשים וטף. אלע אידישע געשעפטן און האנדל-ערטער אין שטאט זענען געווארן צוגעשפארט, און יעדער האט זיך פארזאמלט און געקומען צו גיין צו אט דעם דרשה, וועלכע איז געווען זייער ספעציעל. די התעוררות דארט איז געווען זייער גרויס און דאס באגייסטערונג האט איבערגענומען יעדן איינעם. אויך דער מגיד זעלבסט האט גערעדט מיט א **קוֹל חוֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ**, מיט גרויס געוויין, און ער איז געווען א ספעציעלן מייסטער צו ערוועקן די הערצער פונעם באפעלקערונג מיט געפילן פון אמת'ע תשובה. דערנאך האט ער פארגעזעצט מיט זיינע דרשות איבערן שטאט דורכאויס אלע סליחות טעג, צו ערוועקן אידישע הערצער צו תשובה.

אינעם לעצטן יאר פונעם מגיד, האט דער רב ווייטער דערציילט, ווען עס איז געקומען חודש אלול, איז שוין דער מגיד געווען אלט און זייער קראנק ל"ע, ביז זיי זענען געווען געצוואונגען אראפצונעמען זיינע פיס רח"ל, צוליב דעם וואס עס האט גענומען פארדארבן ווערן, און מען האט נישט געוואלט אז דאס זאל זיך

# חֶרְדַּת הַדִּין

צושפרייטן איבערן גאנצן קערפער, און אזוי איז ער געלעגן אין בעט, אן קיין מעגליכקייט זיך אפילו צו רירן פון פלאץ.

ווען עס איז אנגעקומען דער באשטימטער טאג פארן יערליכע דרשה אין צוגרייטונג צום יום הדין, האט דער מגיד געבעטן אז מען זאל נישט צושטערן דעם ספעציעלן קביעות'דיגן שטייגער, איבערצוגעבן א התעוררות דרשה, פונקט ווי ער האט זיך געפירט אלע יארן. האט ער געהיסן זיינע תלמידים, אז זיי זאלן אים פירן, אזוי ליגנדיג אין בעט, צום גרויסן שול, און אזוי וועט ער איבערגעבן זיין דרשה!

די שמועה האט זיך בליץ-שנעל צושפרייט אין שטאט, אז טראץ זיין קרענק און שוואכקייט, וועט דער מגיד אויך דאס יאר לאזן הערן זיין דרשה, און דאסמאל וועט ער דרש'נען זייענדיג אויף זיין בעט וועלכע וועט אריינגעברענגט ווערן אינעם גרויסן היכל. ווי פארשטענדליך, האט קיינער נישט געוואלט פארפאסן א ספעציעלן מעמד, און אלע מענטשן פון שטאט זענען געקומען אין די מאסן צום גרויסן בית המדרש.

נאכדעם וואס דער קהל האט זיך באקוועם געמאכט, און אלע האבן געווארט אין גרויס שפאנונג און בחרדת קודש צו די ווערטער פונעם מגיד, האט זיך אראפגעלאזט א געוואלדיגע שטילקייט אינעם שול זאַל, און אט האט זיך געעפנט די איר און א גרופע תלמידים זענען אריינגעקומען אינעווייניג, טראגנדיג דעם אלטן מגיד, וועלכער איז געלעגן מיט פארכט און ציטערניש אויף זיין בעט. יעדער האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, און די באגייסטערונג איז געווען זייער גרויס.

די תלמידים האבן געטראגן דעם בעט פונעם מגיד ביז צום ארון הקודש. נאכן קושן דעם פרוכת בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ [מיט ציטערניש און ליבשאפט], האבן די תלמידים דערנענטערט זיין בעט צום שטענדער. דא האט זיך פלוצלונג דער מגיד גענומען וויינען מיט גאר א שרעקליכן און ציטערדיגן געוויין. אין אנהייב איז אים נישט מעגליך געווען ארויסצוגעבן קיין שום ווארט פון זיין מויל, ער האט נאר געוויינט און געוויינט, ווען צוביסלעך האט ער מיטגעשלעפט מיט זיין געוויין, נאך און נאך מענטשן פונעם קהל הקדוש, וואס נאך איידער ער האט געעפנט זיין מויל און ארויסגעזאגט א ווארט, האבן זיי שוין גוט געשפירט דעם ציטערניש פארן דין וואס דערנענטערט זיך, און נאר זעענדיג דעם מגיד דער צדיק ווי ער ליגט אין בעט און וויינט ווי א קליין קינד... זענען זייערע געפילן איבערגענומען געווארן.

נאכדעם וואס עס איז געלונגען פארן מגיד זיך אביסל צו שטארקן איבער זיין געוויין, האט ער אנגעהויבן צו רעדן און ער האט אזוי געזאגט: **מוֹרַי וְרַבּוֹתַי!** זעט נאר און באטראכט אייך וואס איר זעט מיט אייערע אויגן, און נעמט ארויס מוסר! באטראכט אייך און זעט מיט אייערע אויגן, וואס עס געשעט אויב מען טוט נישט תשובה!!! מען שניידט אראפ די הענט! און אויך די פיס! און אזוי ליגט מען אין בעט מיט שרעקליכע יסורים, רחמנא ליצלן! הייליגע אידן, געבט נאר א קוק און זעט וואס עס געשעט צו א מענטש וועלכער טוט נישט תשובה!!!

און תיכף האט ער נאכאמאל אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין, און האט מער נישט געקענט פארזעצן! דאס איז געווען זיין גאנצע דרשה אין זיין לעצטן יאר אויף דער וועלט. – די בְּכִיּוֹת און יְלָלוֹת וואס זענען דארט געווען, גלייך נאך אט די קורצע דרשה, איז נישט מעגליך צו שילדערן. און הרב בענגיס זצ"ל האט מעיד געווען אויף זיך אליין, אז אט דער מעמד פון תשובה איז אויסגעקריצט געווארן זייער טיף אין זיין הארץ, און אויך די הערצער פון אלע מענטשן פון די קהילה וועלכע האבן זוכה געווען זיך צו באטייליגן אין אט דעם מעמד פון תשובת רבים.

-›•‹-

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' שניאור אייזנבאך, אז אין זיין יוגנט האט ער געהאט א ספעציעלער מלמד אין תלמוד תורה, וועלכער איז געווען אן איש מורם מעם, דאס איז געווען מוהר"ר משה ווארשעווער זצ"ל, וועלכער איז געווען מפורסם מיט זיין צידקות און ערליכקייט און מיט זיין יִרְאָתוֹ הַקּוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ. ער איז געווען אנגענומען צווישן די אנשי ירושלים, אלץ צדיק און בעל מדרגה.

איין יאר, אום ראש חודש אלול, האט דער רבי דערציילט פאר זיינע תלמידים, אזוי ווי איינער וועלכער טיילט מיט א געוואלדיגן סוד, **מִכִּבְשׁוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**, אז א שלעכטע און שווערע גזירה שוועבט רח"ל אויף כלל ישראל, און מען דארף שטארק פארמערן מיט תחינות און תפילות צו אוועקנעמען און שטערן דעם שלעכטן גזירה. – פון דעמאלטס און ווייטער, האט דער מלמד געזאגט צוזאמען מיט די קינדער קאפיטלעך תהלים טאג טעגליך מיט גרויס התרגשות, און ביי זיינע תפילות האט ער געוויינט בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ. – אזוי האט ער מקפיד געווען דערויף, פארגיסנדיג דעם פארכטיגן תפילה צוזאמען מיט די תינוקות של בית רבן, דורכאויס די פערציג יְמֵי הָרָצוֹן פון ראש חודש אלול ביז יום הכיפורים.

נאך סוכות, ווען די קינדער זענען צוריקגעקומען אין חֵדֶר, זענען זיי שטארק נייגעריג געווען, און האבן געפרעגט דעם רבי'ן – וואס איז געווארן מיט יענעם שלעכטן גזירה?

האט זיי רבי משה געענטפערט מיט געוואלדיגע פרייד: ברוך השם, די תפילות און בקשות פון אידישע קינדער זענען אנגענומען געווארן, און דורך אונזערע תפילות האבן מיר גע'פועל'ט, אז די גאנצע גזירה איז אויפגעטויישט געווארן צו א גרויסע און פארכטיגע שניי!

די תלמידים וועלכע האבן שוין גוט געוואוסט איבער די געוואלדיגע צידקות פון זייער רבי, האבן געגלייבט זיינע ווערטער מיטן גאנצן הארץ, און האבן עס באהאלטן ביי זיך אין

המשך אין עמוד ד׳ >

הארץ, און האבן גענומען האפן און אויסקוקן צום גרויסן און פארכטיגן שניי וואס גייט קומען דעם יאר...

זיי האבן געווארט און געווארט... די ווינטער איז אנגעקומען, די חדשים חשון און כסליו זענען שוין דורכגעגאנגען, אויך טבת און אפילו שבט איז שוין דורכגעגאנגען, און נאך אלץ איז נישט געווען קיין זכר פונעם שניי... – דער רבי דער צדיק האט אבער בארואיגט זיינע תלמידים און זיי געזאגט אז דער גרויסער שניי גייט נאך קומען!

און אט, ביים ענדע פון יענעם ווינטער, איז ווירקליך געקומען דער גרויסער שניי, וואס אזא שניי האט ירושלים נישט געוואוסט פאר לאנגע יארן! עס האט זיך אנגעזאמלט אין א געוואלדיגע הויכקייט פון עטליכע מעטער, און האט אפגעשטעלט דעם גאנצן געווענליכן לעבנס-שטייגער אינעם הייליגן שטאט.

איינס פון די שטארקע ערשיינונגען און שאדנס וואס איז געקומען דורכן שניי, איז געווען דערמיט וואס אסאך ביימער זענען אויסגעריסן געווארן פון זייערע ווארצלען. – האבן די צדיקים פון ירושלים געזאגט דערויף, אז אט די ביימער וועלכע זענען אויסגעריסן געווארן, זענען א סימן אויף דעם וואס די גזירה איז אויפגעטוישט און בטל געווארן, וויבאלד זיי זענען געווען אנטשאט פילע צדיקים וועלכע וואלטן חלילה געדארפט אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" (דברים כ, יט), און די תפילות און בקשות פון די הייליגע טעג האבן געשפאלטן הימלען, און האבן מבטל געווען די גזירה!

אט אזעלכע זענען געווען די מלמדים אין די תלמודי תורה אינעם פריערדיגן דור, אין "ירושלים של מעלה". – דאס זענען געווען מענטשן וואס מִשִּׁכְמָם וָמַעְלָה זענען זיי פול געווען מיט חֶרְדַּת אֱלֹקִים, זייענדיג געוואלדיגע בעלי מדריגה, און האבן שטארק מעורר געווען זייערע תלמידים אראפצולייגן פארכטיגע תפילות אין די הייליגע טעג, און עס איז זיי געלונגען!

***

עס ווערט דערציילט איבער הרה"ק רבי אהרן ראטה זצוק"ל, אז דורכאויס אלע טעג פונעם הייליגן חודש אלו"ל ביז נאך די ימים טובים, האט ער זיך געפינען אין א שרעקליכן קענטליכן פחד פונעם אֵימַת הַדִּין, אויף אזוי ווייט אז ער פלעגט שטענדיג קראנק ווערן דערפון אויפן מאגן.

ביי אים האט מען געזען און געפילט בחוש, אויף ווי ווייט אט די טעג זענען גורל'דיג און באשטימענדיג פארן עקזיסטענץ פון מלכות שמים און פארן עקזיסטענץ פון כלל ישראל. וויבאלד ער האט זיך געפינען אין א שטארקן פחד און ציטערניש, און ער האט אריינגעברענגט אט דעם פַּחַד אֱלֹקִים און יִרְאַת חֵטְא, אין זיינע תלמידים און הויז-מענטשן. ווער עס איז נאר געקומען אין בארירונג מיט אים אין אט די הייליגע טעג, איז גלייך איבערגענומען געווארן מיט אט דעם שרעקליכן פחד וואס האט געפלאקערט אין אים!

-> ◆ <-

איך געדענק נאך פון איינעם פון די גדולי ירושלים של מעלה, דאס איז געווען הרב הגאון רבי אברהם אליהו מייזעס זצ"ל, וועלכערהאט זיך געפירט יעדן יאר אוועקצוגיין פון זיין הויז אום חודש אלו"ל, און ער פלעגט ארויסגיין פאר התבודדות אין א צימער וואס מען האט אים ספעציעל צוגעשטעלט אינעם בית היתומים דיסקין [וואס איז דעמאלטס פארדערכנט געווארן אלץ אינדרויסן פון ירושלים, ווייט פונעם רוישנדיגן שטאט].

אין אט די טעג איז ער געווען פארשפארט מיט זיך אליין מיט זיין עבודת הקודש, מיט זיינע פארכטיגע הכנות צו ראש השנה, און זיין גאנצע מציאות איז געווען דורכגעווייקט מיט חֶרְדַּת הַדִּין. דעריבער האט ער נישט געוואלט קומען אין בארירונג מיט מענטשן, אויף אזוי ווייט אז זיין עסן האט מען צוגעגרייט פאר אים אין אן אנדער צימער, און ער איז דארט נאר ארויסגעגאנגען צו עסן, ווען ער איז זיכער געווען אז קיין איינער געפינט זיך נישט דארט!

אויף אזוי ווייט איז אנגעקומען זיין מדריגה פון פארכט און שרעק צום יום הדין.

-> ◆ <-

דער הייליגער חודש אלו"ל, איז א גוטן עת רצון און איז ספעציעל מסוגל געהאלפן צו ווערן מיט א זיווג הגון, וויבאלד אום ראש השנה זענען אלע עקרות געדענקט געווארן, און אויב איז נישטא פריער א גוטן שידוך, וויאזוי וועלן זיי געדענקט ווערן...? דער מזל פון אט דעם חודש זאגט דאך שוין עדות דערויף, וויבאלד דער מזל איז "בתולה", וואס דאס איז זייער מסוגל דערצו [זע אינעם הייליגן ספר "בני יששכר" מאמרי חודש אלול (מאמר א' אות ג'), עיין שם].

און איבער דעם חודש איז אונז דער פסוק מרמז (ירמיה לא, יב): "אָז תִּשְׂמַח בְּתוּלָ"ה (אלול מזל בתולה) בְּמָחוֹל, וּבַחֻרִים וּזְקֵנִים יַחְדָּו, וְהָפַכְתִּי אֶבְלָם לְשָׂשׂוֹן, וְנִחַמְתִּים וְשִׂמַּחְתִּים מִיגוֹנָם", אמן כן יהי רצון.

-> ◆ <-

אבי מורי הרב הגאון זצוק"ל האט מיר דערציילט, אז ער געדענקט פון זיין יוגנט, ווען ער האט געלערנט אין חדר ביים באוואוסטן מלמד רבי הערש קאפשיץ זצ"ל, וועלכער איז געווען א מלמד אינעם בית היתומים דיסקין אין ירושלים עיר הקודש ת"ו. יעדן יאר אום ערב ראש השנה, פלעגט ער זיך בעטן ביי די תלמידים אז מען זאל אים מוחל זיין בלב שלם, וויבאלד ער האט זייער שטארק מורא, טאמער ער האט מעגליך אמאל באשטראפט אדער אנגעשריגן א קינד ווען עס האט נישט פונקטליך אויסגעפעלט, אדער טאמער ער האט איבערגעטריבן [מגזים געווען] מיט עפעס...







יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173